# פרשת יתרו - תצוה י"ד שבט – י"א אדר א' תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לניחום אבלים אצל הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

***מתוך השיחה:***

**הרב שמואל:** ווי אזוי פירט מען זיך ווען עס קומט אריין א אדם חשוב מנחם אבל זיין, דארפן זיך די אבלים אויפשטעלן צו נישט?

**רבינו:** מען שטייט נישט אויף.

**הרב שמואל:** מען 'דארף' נישט, צו מען 'טאר' נישט.

**רבינו:** מען שטייט נישט אויף (עיין **בשו"ע** יו"ד שעו-א, **ובשו"ת שבות יעקב** סימן כו, הובא **בחידושי רבי עקיבא איגר** יו"ד שם).

**הרב שמואל:** ביי די שירה פרעגט מען א קשיא, אז ישיר משה, די מלאכים האבן נישט געזאגט קיין שירה (מגילה י:), פארוואס האבען די יודען יא געזאגט שירה. ענטפערט מען, אז עס איז דא אז מען זאגט שירה, אבער ביי זיי איז געווען עלה בלבם שישיר (רש"י שמות טו-א), זיי האבען נישט געפלאנט, עלה בלבם, זיי קענען זיך נישט איינהאלטן. דאס איז שוין א אנדערע זאך.

**רבינו:** די וועלט זאגט נאך, אז איז סטרעליסק האט מען געדאווענט מיט א פלאם פייער, און אין רוזין איז געווען אלעס אזוי רואיג. און א סטרעליסק'ער חסיד איז אמאל אדורכגעפארן ביי איינע פון די רוזינ'ער רבי'ס, און ער האט געדארפט זיין דארט אויף שבת. און ער פלעגט אלץ צו דאווענען מיט אזא פלאם, און ער האט געוואוסט אז דארט דארף מען זיך איינהאלטן. איז ער אריינגעגאנגען ערב שבת צום רבי'ן, און ער האט געזאגט, איך בין א סטרעליסק'ער חסיד, ביי אונז איז מען געוואוינט צו דאווענען פייערדיג, צו ער גיט אים רשות ער זאל קענען אזוי דאווענען. האט אים דער צדיק געזאגט, ניין, ער גיט אים נישט רשות. דא דאווענט מען רואיג, דו זאלסט דאווענען אזוי ווי יעדער איינער. פרייטאג צו נאכטס האט ער זיך נאך איינגעהאלטן, אבער ווען עס איז געקומען שבת בייטאג צו נשמת, איז ער ארויס פון די כלים, און ער האט זיך צופלאמט. נאך שבת איז ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן מפייס זיין. דער רבי האט אים געזאגט, אז ער זאל נישט אזוי דאווענען, דארף ער מפייס זיין דעם רבי'ן. זאגט אים דער רבי, דו דארפסט מיך נישט מפייס זיין. זאגט ער, דער רבי האט מיר געזאגט אז איך זאל נישט אזוי דאווענען, און איך האב יא אזוי געדאווענט. זאגט אים דער רבי, דו ביסט אריינגעקומען ערב שבת מיט א פלאן ווי אזוי מען גייט דאווענען מארגען, ביי אונז איז דער פלאן אויסגעשטעלט אז מען דאווענט רואיג. אבער ווען עס כאפט דיר אן ביים הארץ און דו הייבסט אן צו ברענען, פון דעם האבן מיר נישט גערעדט. - אז מען רעדט פון א פלאן, איז דא א סדר ווי אזוי עס דארף צו זיין. אבער אז עס איז עלה בלבו שישיר, איז שוין א אנדערע זאך.

*

**הרב שמואל:** עס איז דא א חילוק, צו מען זיצט אויף א טאטע, אדער אויף א מאמע?

**רבינו:** עס איז א חילוק צווישן דאס ערשטע מאל זיצען און דאס צווייטע מאל. ווען דער טאטע גייט אוועק און נאכדעם די מאמע, דעמאלטס ענדיגט זיך די שטוב. ווילאנג עס איז נאך דא א בית, טרייסט מען זיך נאך, אמאל מיט די מאמע, און אמאל מיט די טאטע. אבער ווען מען פארלירט ביידע, האט זיך געענדיגט דאס פריער'דיגע דור. ביום שיזיעו שומרי הבית (קהלת יב-ג), די שומרי הבית זענען די צוויי זוילן פונעם הויז, די טאטע מיט די מאמע.

**הרב שמואל:** ביי די הספד האב איך געזאגט, כי אבי ואמי עזבוני וה' יאספני (תהלים כז-י), דער באשעפער, דער דריטער שותף, נעמט איבער.

די מאמע איז אריין אין שפיטאל, ווייל זי האט זיך צובראכען די הי"פ. דער דאקטער זאגט, אז עס איז נישט זיכער אז זי איז געפאלען, און פון דעם האט זיך צובראכען די הי"פ, נאר די הי"פ האט זיך צובראכען, און פון דעם איז זי געפאלען. רבי חיים ווערנער האט מיר געזאגט, אז עס ווערט געברענגט פונעם **אר"י ז"ל**, אז דרייסיג טעג פאר א מענטש גייט אוועק פון די וועלט, גייט אוועק דער אור המקיף וואס היט אים. און איינמאל דער אור המקיף גייט אוועק, הייבן אן זאכען צו פאסירן, ווייל ער איז נישט באשיצט. - זי איז אוועק פונקט דרייסיג טאג פונעם פאלען.

**רבינו:** דער **אור החיים הק'** זאגט, ויקרבו ימי ישראל למות (בראשית מז-כט), פון וואו האט ער געוואוסט. נאר ער האט געזעהן אז דער אור המקיף איז אוועק

געגאנגען, האט ער פארשטאנען אז ויקרבו ימי ישראל למות, ער האלט אין די נאנטע טעג פון שטארבען. אז נישט איז שווער דער פסוק, ויקרבו ימי ישראל למות, ויקרא לבנו ליוסף, פון וואו האט ער געוואוסט אז ער האלט ביים שטארבען. נאר ער האט געזעהן, אז דער אור איז שוין נישט דא.

*

**רבינו:** מען האט נישט קיין השגה ווי אזוי דער פריערדיגער דור האט מיטגעמאכט א קריג, און זיי האבן זיך געהאלטען, און זיך מחזק געווען, און צוריק אנגעהויבן אויפצובויען די נייע וועלט. עס איז א געוואלדיגע זכיה.

**הרב שמואל:** מיין מאמע איז דעפארטירט געווארן שבעה עשר בתמוז פון פאפא קיין אושוויץ, דארט האט זי געהאט צו טון מיט מענגעלע. זי איז געווען די עלטסטע שוועסטער, און זי האט געהאלטן די יונגסטע קינד. ווען עס איז געקומען די רייע, האט מען געשיקט די טאטע מיט די מאמע און די קינדער צו די לינקע זייט, און פאר איר, א גרויס מיידל, האט ער געזאגט, גיב דאס קינד פאר די מאמע, און דו גיי אויף די רעכטע זייט. האט זי געפאלגט. ווען זי האט געזעהן די מאמע שלעפט זיך מיטן קינד אויף די לינקע זייט, און זי בלייבט שטיין אויף די רעכטע זייט אליין, איז זי צוריקגעלאפן צו די מאמע אויף די לינקע זייט, און זי האט געזאגט, מאמע איך גיי מיט דיר מיטן קינד. איז ער געקומען, און איר געגעבן א שמייס, איך האב דיר געזאגט צו גיין אויף רעכטס, איז זי צוריקגעלאפן צו די רעכטע זייט. זי האט אלץ געזאגט, אז דאס איז געווען א שמייס פון לעבן.

**רבינו:** יעדע שמייס גיט לעבן, מען ווייסט נאר נישט עס צו שעצן בשעת מעשה, שפעטער ווערט מען געוואר.

**הרב שמואל:** זי פלעגט אלעמאל זאגען אויף די שמייס, אז זי האט א נקמה אין זיי, זי האט קינדער און אייניקלעך.

**רבינו:** איך זאג אלץ, אז דער **קלויזענבורגער רב זצ"ל** פלעגט נישט צו זאגען שבת אב הרחמים, ווייל מען טאר זיך נישט מצער זיין אין שבת, און ווען ער זאגט אב הרחמים, דערמאנט ער זיך וואס עס איז געווען, האט ער נישט געזאגט. איך האב געהאט א קרוב **רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל** (אב"ד בית אהרן פלעטבוש), און ער האט מיר אמאל געזאגט, איך זאג אב הרחמים יעדן שבת, צו עס איז יום טוב, צו עס איז ראש חודש, ווייל איך האב אזא תענוג ווען איך זאג אב הרחמים, ווען איך דערמאן זיך אז דער אייבערשטער וועט נקמה נעמען אין די פיינט, אז דאס איז מיין עונג שבת. - די זעלבע אב הרחמים, איינער קען עס נישט זאגען ווייל ער קען זיך נישט דערמאנען די צרות, און איינער פרייט זיך מיט די נקמה לעתיד.

**הרב שמואל:** דער ברודער דער **סערדאהעלער רב** איז געווען דא, און ער האט פארציילט א אינטערעסאנטע מעשה, פון **רבי משה לייב** (בעל **ויגד משה**), מיט רעכטס און לינקס. דארט איז געווען פארקערט די מעשה, אז ער האט געבעטן אז ער וויל העלפן דעם טאטען, און ער האט אים געלאזט גיין.

**רבינו:** מיין טאטע פלעגט צו זאגען, אז דער **ויגד משה** איז אלט געווען זיבען און דרייסיג יאר, ווען ער איז אוועק. און ער האט אפגעשריבען צענדליגער ספרים, וואס איז נאך אין כתב יד, עס איז נאכנישט ארויסגעקומען. א טייל זענען שוין געדרוקט, און א טייל נאך נישט. און ער האט אנגעהויבן צו שרייבען א צוואה ווען ער איז אלט געווען צוואנציג יאר, און ער שרייבט אין די צוואה, אז ער האט א סימן אז ער וועט נישט האבן קיין אריכת ימים, וועגן דעם איילט ער זיך צו, צו שרייבען די צוואה. ער שרייבט נישט וואס, נאר סימנא לאו מילתא הוא, אז ער וועט נישט האבן קיין אריכת ימים (הובא בהקדמת ספר **ויגד משה** על הל' פסח).

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **אליעזר** נ"ו בן הר"ר **יואל שלעזינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק אהרן מתתי' בראך** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבנין החדש של המתיבתא בשכונת איסט פלעטבוש, בה התקיימה מסיבה מפוארה שנערכה במיוחד לאנ"ש הנדיבים בעם, שתרמו מהונם לבנין החדש.

סביב שלחנות ערוכים כראוי וכיאות, ברוב פאר והדר, נתיישבו התומכים החשובים, כשבראש המסובים יושב רועינו הנאמן **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א** אשר בשילוב עם המסיבה, ערך שלחן הפירות לכבוד היום חמשה עשר בשבט.

לאחר שנטל **רבינו שליט"א** ידיו להסעודה, פתח יושב ראש המעמד הרב **אלימלך שפיטצער** שליט"א (מנהל

הישיבה גדולה) את המסיבה, וכיבד את **הגה"צ רבי יצחק אייזיק פריעדמאן שליט"א** אב"ד טענקא פלעטבוש להשמיע מדברותיו. בין פרק לפרק הנעימו חבורת המשוררים ממיטב נגינתם לכבוד המאורע ולכבוד היום. אחר כך זכו לשמוע דברות קודש מאת **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א.**

אחר כך קבע **רבינו שליט"א** את המזוזה בכניסת הבית המדרש. אחר ברכת המזון עברו כל המשתתפים לפני **רבינו שליט"א** לקבל סל מלא פירות.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה, צו זיצן צוזאמען מיט אונזערע שותפים לדבר מצוה, די וואס האבן אהערגעשטעלט דעם בנין, א בית גדול שמגדלין בה תורה ותפלה, מיט'ן אייבערשטענס הילף זאל ארויס קומען א כבוד שמים פון דעם בנין. עס איז צוזאמען מיט א סעודה פון חמשה עשר בשבט. איך וועל זאגן א נקודה וואס מען קען צוזאם שטעלן, עס האט א קשר איינס צום אנדערן.

**מען** ווייסט אז ראש חודש שבט איז ראש השנה לאילנות לויט די בית שמאי, און חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאילנות לויט בית הלל (ראה השנה ב.), עס איז א נייע יאר פאר דיביימער. עס איז דא הלכות אין אילנות פון איין יאר אויפן אנדערן יאר, מען קען נישט מעשר'ן פון איין יאר אויפן צווייטן יאר, די מעשרות זענען אנדערש יעדע יאר פון די זיבן יאר. אין הלכה (שו"ע או"ח קלא-ו) שטייט, אז מען זאגט נישט קיין תחנון ראש השנה לאילנות. וואס עס איז א געוואלדיגער פלא, עס איז אויסגערעכנט אין די משנה ארבעה ראשי שנים, עס איז דא ראש השנה למעשר בהמה, עס איז דא אנדערע ראש השנה'ס אויך. וואס פאר א קשר האט עס מיט אונז, אז עס איז ראש השנה פארן בוים.

**ראש** השנה לאילנות האט א שייכות מיט אונז אויך. עס איז דא א ספר **רמתים צופים** אויפן תנא דבי אליהו, ער ברענגט צו פונעם **חידושי הרי"ם**, אז דער חידושי הרי"ם האט געזאגט, ראש חודש שבט איז א פסוק וואס שטייט דערמאנט אין די תורה אנפאנג פרשת דברים, בעשתי עשר חודש, באחד לחודש וגו', הואיל משה באר את התורה הזאת (דברים א-ג). משה רבינו האט אנגעהויבן מבאר צו זיין די תורה פאר יודען, ראש חודש שבט די פערציגסטע יאר. זאגט דער חידושי הרי"ם, ביז יעצט האט משה רבינו געלערנט מיט יודען תורה שבכתב וואס ער האט מקבל געווען פונעם אייבערשטען. הואיל משה באר את התורה הזאת, יעצט האט ער אנגעהויבן מבאר זיין די תורה, ער האט אנגעהויבן ארויס צוברענגען וואס ליגט אלס אין די תורה הקדושה, דעם חלק פון תורה שבעל פה. און דאס וואס משה רבינו האט דעמאלטס אנגעהויבן מבאר זיין די תורה, האט א התחדשות יעדעס יאר. תורה שבכתב, איז אזוי ווי די אילן, דאס איז דער בוים. די תורה שבעל פה דאס איז אזוי ווי די צווייגן און די פירות וואס קומען ארויס פונעם אילן. ראש חודש שבט האט משה רבינו אנגעהויבן מבאר זיין די גאנצע תורה, ער האט גענומען די אילן פון די תורה, און ער האט אנגעהויבן מבאר צו זיין די פירות וואס קומען ארויס דערפון.

**האט** דער חידושי הרי"ם געזאגט, אז יעדעס יאר ווען עס קומט שבט, ראש השנה לאילנות, איז דא א התחדשות ביי יעדע יוד אין תורה. און דער חידושי הרי"ם האט געזאגט אויף זיך אליין, אז ער דערקענט א חילוק ביי זיך, צווישן די חידושי תורה וואס ער האט מחדש געווען פאר חמשה עשר בשבט, און וואס ער האט מחדש געווען נאך חמשה עשר בשבט. ווייל עס איז דא א בחינה פון הואיל משה באר את התורה הזאת, א געוויסע ביאור אין די תורה, וואס קומט אראפ אין די טעג.

**און** ער האט עס מסביר געווען נאך מער. אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, איז באשאפן געווארן מיט די תורה הקדושה. וואס אונז זעה מיר אין דער וועלט, קומט פון די תורה. יעדע זאך וואס אונז זעה מיר אין די וועלט אזוי, איז א סימן אז אין די תורה איז אויך דא די זעלבע, ווייל עס איז באשאפן געווארן פון די תורה. אז מען זעהט אין מציאות, אז שבט איז ראש השנה לאילנות, עס קומט דעמאלטס אריין א נייע חיות אין די אילנות, איז על כרחך אז אין תורה איז אויך דא די זעלבע. אז ראש השנה פון תורה, איז אין חודש שבט.

**איז** ממילא פארשטייט מען אז עס איז נישט נאר סתם א ראש השנה פאר די אילנות, פאר די פירות פון דיביימער, עס האט אויך א קשר מיט אונז.

אונזער התחדשות אין תורה, איז יעדעס יאר חמשה עשר בשבט, קומט צו א חידוש ביי יודען אין תורה.

**לענינינו**, וואלט מען געקענט צוגעבן נאך א נקודה דערין. די תורה האלט זיך נישט אויף אן קיין מחזיקי תורה, אן דעם וואס עס איז דא יודען וואס געבן אוועק זייער פארמעגן אויפצוהאלטן תורה, קען זיך תורה נישט האלטן. יששכר קען נישט לערנען קיין תורה אן א זבולון, וואס דער זבולון טוט צוהעלפן דערצו ער זאל קענען לערנען. עץ חיים היא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר (משלי ג-יח). די לומדי תורה, זענען די פירות. די בוים וואס האלט אויף די פירות, אז מען זאל קענען זיצן און לערנען, דער עץ חיים, דאס זענען די נדיבי העם, וואס זיי טוען זיך צושטעלן, און טוען אויפהאלטן תורה. און אזוי ווי עס איז היינט ראש השנה לאילנות, און די תומכי תורה זיי זענען די אילנות, קומט אראפ א געוויסע התחדשות אין די מחזיקי תורה, אז דער אייבערשטער גיט זיי די געלעגנהייט און די מעגליכקייט, אז זיי זאלן קענען נאך מער און נאך מער אויפטון פאר תורה.

**מיר** זענען אלע שותפים אינעם בנין וואס מען שטעלט דא אויף א פלאץ פאר תורה. די געוואלדיגע כוחות וואס מען האט אריינגעלייגט, ביז מען איז צוגעקומען דערצו. אן די הילף פון די יודען וואס זיצן דא, וואלט מען נישט געקענט צוקומען דערצו, זיי זענען די וואס טוען בויען תורה.

*

**מען** האט שוין כמה פעמים גערעדט, אז די זכות פון די מחזיקי תורה, שטייט אסאך מאל מער פון די לומדי תורה אליין. חז"ל זאגן (סוטה יב.), צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם, צדיקים איז זייער געלט ביי זיי מער חביב ווי זייער גוף. עס איז א פלא צו פארשטיין, מען רעדט דא פון צדיקים, וואס געלט איז ביי זיי גארנישט, און פון דעסטוועגן זאגט מען, אז זייער ממון איז ביי זיי חביב מער ווי זייער גוף. זייער גוף איז א הייליגע גוף, וואס איז געזעצן און געלערנט כל ימיו באהלה של תורה, פארוואס איז זייער ממון חביב עליהם יותר מגופם.

**די** פשט דערפון איז. איינער וואס לערנט תורה, אפילו ער לערנט א גאנצן טאג, וויפיל תורה קען ער שוין לערנען א גאנצן טאג, ער האט דאך נישט מער ווי די פיר און צוואנציג שעה אין טאג, און פון דעם דארף ער שלאפן, ער דארף עסן, און אנדערע צרכי הגוף. בלייבט אים איבער א האלבן טאג, אביסל מער ווי א האלבע טאג, וואס ער קען אוועקגעבן פאר תורה. עס איז דא צוועלף שעה אינעם טאג וואס ער לערנט, פערצן שעה, זעכצן שעה, מער קען ער נישט אנקומען מיט זיין גוף, ער זאל קענען האבן א חלק אין תורה.

**אבער** די וואס זענען תומכי תורה, מיט זייער געלט קענען זיי אויפהאלטן, צענדליגער און צענדליגער יודען וואס לערנען תורה. ער האט אין איין טאג נישט נאר אזויפיל לימוד התורה וויפיל א מענטש קען אליין לערנען. ער קען אין איין טאג זיך קויפן עולמות של תורה, וואס יודען לערנען תורה דורך זיין כח, וואס ער טוט זיי מחזיק זיין. איז צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם, זייער געלט איז ביי זיי מער חביב ווי זייער גוף. זייער גוף איז באשרענקט וויפיל עס קען טון פאר תורה, אבער מיט געלט קען מען צוקומען אסאך און אסאך מער, פון וויפיל דער לומד תורה לערנט אליין. זבולון קען האבן גרעסערע זכותים אין לימוד התורה ווי דער יששכר. יששכר איז באגרעניצט וויפיל ער קען לערנען, זבולון האט אבער א געוואלדיגע מעגליכקייט צוצוהעלפן אז מען זאל קענען לערנען. און דאס קומט נישט אן גרינג, יעדער ווייסט די שוועריגקייטן פון פרנסה וכדומה, מען פלאגט זיך, און פון דעסט וועגן דאך שפארט מען זיך אפ די געלט, און מען גיט עס אוועק פאר די וואס לערנען תורה, און מען איז מחזיק עולמות של תורה אינעם היינטיגן דור, עס איז א געוואלדיגע חלק פון צדקה ביי יודען, און מען האט א געוואלדיגען חלק אין בויען תורה.

*

**מען** געפונט די פאריגע וואך אין די פרשה, יודען זענען אנגעקומען אויף מרה, ולא יכלו לשתות מים ממרה, כי מרים הם (שמות טו-כג). זיי האבן נישט געקענט טרינקען קיין וואסער אין מרה. משה רבינו האט געבעטן דעם אייבערשטען, וואס פאר אן עצה מען גיט זיך, ויורהו ה' עץ, דער אייבערשטער האט אים געוויזן א האלץ, וישלך אל המים, ער האט דאס אריינגעווארפן אין וואסער, וימתקו המים, די וואסער איז געווארן זיס.

**די** תורה ווערט אנגערופן מים, אין מים אלא תורה (בבא קמא יז.). די גמרא ברענגט פסוקים דערויף, אז תורה ווערט אנגערופן וואסער. זיצן און לערנען תורה, איז אסאך מאל מרה, עס איז ביטער. מען פלאגט זיך, מען האט נישט קיין פלאץ וואו מען זאל לערנען, מען האט נישט קיין רואיגקייט, מען האט נישט קיין הרחבת הדעת, און ישוב הדעת, אז מען זאל קענען לערנען. ולא יכלו לשתות מים, מען האט נישט געקענט צוקומען צו תורה, כי מרים הם, עס איז געווען ביטער, מען זאל קענען אדורכגיין די צייט וואס מען איז עוסק אין תורה.

**האט** משה רבינו געשריגען צום אייבערשטען, דאס קומט זיך פאר לומדי תורה?! אז מען זאל נישט קענען זיצן און לערנען, עס זאל זיין מרים. ויורהו ה' עץ, האט אים דער אייבערשטער געוויזן, עס איז דא א עץ חיים למחזיקים בה, איך האב אהערגעשטעלט פאר דעם יששכר א זבולון. ווען איינער וויל לערנען תורה, טוט אים דער אייבערשטער צושטעלן א זבולון, וואס וועט אים ארויסהעלפן צו לערנען תורה. און משה רבינו האט גענומען דעם עץ, וימתקו המים, נאכדעם איז געווארן א הרחבה. אז עס איז דא א עץ וואס טוט צוהעלפן צו לומדי תורה, דעמאלטס קענען די עוסקי תורה לערנען תורה מיט א הרחבת הדעת.

**וואס** איז געווען דער עץ וואס דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו, און דאס האט ער אריינגעווארפן אינעם וואסער. איז דא אין מדרש (שמו"ר נ-ג) כמה דיעות. איין דעה זאגט דער מדרש, אז ער האט אים געוויזן א עץ זית, ער האט אים געוויזן א בוים פון זיתים, דעם עץ זית האט ער אריין געווארפן אין וואסער, און עס איז געווען וימתקו המים, עס איז געווארן זיס. וואס איז דער קשר אז דער אייבערשטער האט אים געוויזן א עץ, וואס דאס איז א רמז אויף די מחזיקי תורה, און ער האט גענומען א עץ זית, און דאס וועט ארויסהעלפן אז עס זאל זיין וימתקו המים.

**דער** פסוק זאגט (תהלים קכח-ג), בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, הנה כי כן יבורך גבר ירא ה'. ווען מען וויל בענטשן א מענטש וואס איז א ירא ה', מיט וואס קען מען אים בענטשן, וואס איז די ברכה וואס מען קען געבן פאר א ערליכען יוד. אז בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך, אז דער אייבערשטער זאל דיר געבן, דו זאלסט האבן קינדער, און זיי זאלן אויסוואקסן תלמידי חכמים, זיי זאלן זיין כשתילי זיתים, אזוי ווי די שתילים פון זיתים, סביב לשלחנך, ארום דיין טיש. הנה כי כן יבורך גבר, דאס איז די ברכה פאר א ירא ה'. - ער שטעלט עס צו, אז די ברכה איז, מען זאל האבן קינדער אזוי ווי שתילי זיתים. וואס איז די שתילי זיתים, וואס ליגט אין דעם, אז דיינע קינדער וועלן זיין אזוי ווי זיי.

**עס** שטייט פון פריערדיגע, א זית פאר זיך אליין האט א חשיבות, עס איז איינע פון די שבעת המינים. אבער די עיקר חשיבות איז נישט דער זית, דער עיקר חשיבות איז דער שמן וואס קומט ארויס דערפון, דאס איז מער חביב ווי דער זית. א קינד פונעם זית, וואס קומט ארויס פונעם זית, איז מער חשוב פון די זית אליין. די גאנצע תכלית וואס די תורה רומט ארץ ישראל מיט די שבעת המינים, רופט די תורה אן (דברים ח-ח), אז דאס איז ארץ זית שמן, אז זית שמן, אז זית גיט ארויס שמן, דאס איז די חשיבות פונעם זית.

**קומט** אויס אז ביי זיתים שטייען די קינדער אין א העכערע מדריגה ווי דער טאטע. דער זית אליין איז א ביטערע פרי, אבער קינדער האט ער וואס באלייכטן די וועלט, דאס איז דער שמן וואס ליגט אינעווייניג. מען וואונטשט אן, אז דיינע קינדער זאלן זיין כשתילי זיתים, זיי זאלן זיין אזוי ווי די זיתים, וואס די קינדער זענען אין א גרעסערע מדריגה ווי דער טאטע, אזוי ווי דער זית וואס דער שמן דערפון איז חשוב'ער פונעם זית. דאס איז די ברכה וואס איז יבורך גבר ירא ה', וואס א ערליכער יוד בענטשט זיך, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן, ער זאל האבן קינדער וואס זאלן וואקסן תלמידי חכמים און ערליכע יודען, און די קינדער וואס זיצן ארום זיין טיש, זאלן זיין כשתילי זיתים, אזוי ווי די שתילי זיתים, וואס ביי זית איז די קינד מער חשוב פונעם פאטער.

**דאס** איז א ברכה וואס יעדער וואונטשט זיך, אז די קינדער זאלן זיין מער פון אים. זיי זאלן זיין תלמידי חכמים, זיי זאלן זיין אזוי ווי שמן, וואס שמן איז מאיר פאר דער וועלט, עס ברענגט אורה, ליכטיגקייט, פאר דער וועלט, דאס איז די ברכה וואס יבורך גבר ירא ה'.

און די ברכה גיט דער אייבערשטער פאר די וואס זענען מחזיק תורה, פאר די וואס טוען צוהעלפן צו תורה, אז תורה זאל זיך בויען, באצאלט זיי דער אייבערשטער, אז זיי האבן שפעטער קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים, וואס ברענגען ליכטיגקייט פאר דער וועלט, דאס איז די ברכה וואס דער אייבערשטער באצאלט. אזוי שטייט אין די גמרא (שבת כג:), אז ווען איינער איז א מוקיר רבנן, הוי ליה בנין רבנן, חתנין רבנן. ווען מען שעצט תורה, מען גיט זיך אוועק פאר תורה, באצאלט עס דער אייבערשטער מיט ערליכע קינדער.

**דער** אייבערשטער האט געוויזן, ווען די מים זענען געווען ביטער, און מען דארף האבן דעם עץ חיים למחזיקים בה, מען דארף האבן דעם זבולון, וואס דער זבולון זאל זיס מאכן דעם וואסער. האט דער אייבערשטער געזאגט, מען זאל נעמען א עץ זית, און דאס זאלסטו אריינווארפן. זאלסט וויסן אז דער עץ, דער וואס העלפט ארויס צו תורה, דאס איז א זית, ער וועט האבן בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך. דאס איז די ברכה וואס א ערליכער יוד בענטשט זיך, מען איז מחזיק תורה, מען גיט זיך אוועק פאר תורה, די ברכה דערפון איז, אז מען זאל האבן ערליכע יודישע קינדער, וואס זאלן זיין כשתילי זיתים, אריינברענגען ליכטיגקייט אין דער וועלט.

*

**מען** האט פריער גערעדט בשבחו פון די ישיבה. איך וועל עס נישט איבערגיין, ווייל עס פאסט אפילו נישט אז מען זאל אליין רומען דעם מקום וואו מען איז מרביץ תורה, אבער וואס מען האט געזאגט איז אמת לאמיתו. ב"ה די ישיבה שטייגט און בליהט, ערליכע בחורים, מען לערנט תורה ערליך, בקדושה ובטהרה. בחורים מיט מדות טובות, מיט איידלקייט, וואס איך מיין אז עס איז זעלטן צו זעהן אזא הערליכע מקום תורה, ווי מען האט זוכה געווען אהערצושטעלן.

**אבער** דער מקום דערצו, מען זאל קענען האבן א הרחבת הדעת, עס זאל נישט זיין מרים, עס זאל נישט זיין צוזאם געשטופט, מען זאל קענען האבן די הרחבה וואס מען דארף האבן צו תורה. שלשה דברים מרחיבים דעתו של אדם, און איינס דערפון איז א דירה נאה (ברכות נז:). א פלאץ וואו מען איז, ווען עס איז ליכטיג, עס איז שיין, לערנט זיך אנדערש, דאס האט אונז געפעלט. מען האט זיך געפלאגט פון איין פלאץ אויף א אנדערע פלאץ, ביז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן, מיר שטייען דא דעם היינטיגן טאג, נאך אזוי פיל פלאג וואס מען האט אריינגעלייגט, מען זאל קענען צוקומען דערצו.

**דאס** איז ענקער זכות, עטץ אלע זענטס שותפים אין דער בנין. די תורה וואס מען וועט דא לערנען, די יודישע משפחות וואס וועט ארויסקומען פון דעם מקום, דאס אלעס איז צו פארדאנקען פאר די וואס זענען געשטאנען דא, בשעת מען האט אראפגעלייגט דעם יסוד פאר דעם פלאץ אז מען זאל דאס קענען בויען. און אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחניך, אז מען האט נאכדעם אליין קינדער און אייניקלעך וואס וואקסן אויס גרויס אין תורה, און ברענגען ליכטיגקייט פאר די וועלט מיט זייערע מעשים.

**עס** איז שווער צו באדאנקען יעדן איינעם עקסטער, אבער איך האב געוואלט איינעם ארויס ברענגען, ר' מענדל שטיינער, וואס האט אוועק געגעבן א הון תועפות פאר דעם בנין, אז עס זאל קענען שטיין. און זיין שותף רבי יואל [וורצבערגער] זאל זיין געזונט, וואס איז געשטאנען צו הילף אז מען זאל דאס קענען אהערשטעלן.

**בעיקר** האב איך געוואלט ארויס ברענגען א דאנק פאר דעם וואס איז נחבא אל הכלים, ער האט זיך אינגאנצן נישט באוויזן דא אופן סטעט"ש די גאנצע צייט, ר' שמואל דוד פישער זאל זיין געזונט. איך האב נישט גענוג ווערטער ארויס צו ברענגען מיין הכרת הטוב פאר אים, יארן לאנג איז ער דער אדמיניסטרעיטע"ר פון די מוסדות אין וויליאמסבורג, און נאכדעם פאר די מתיבתא. עס איז נאכנישט געווען זייט איך קען אים, אז מען זאל בעטן פון אים א זאך, און די תשובה זאל זיין, אז מען קען עס נישט טון. עס איז נישט געווען אזעלכע ווערטער ארויס-געזאגט די גאנצע צייט. וואס מען האט געבעטן, איז געווען די תשובה, 'מען גייט דאס צושטעלן'. ווען מען האט געבויעט אין קעמפ אין סקייוויא"ו, מען האט געבויט דעם בית המדרש דארט, מען האט געלאכט אז ער לייגט זיך אריין אין אזא פראדזשעק"ט. זיינע נאנטע מענטשען, מיינע

נאנטע מענטשן, האבן געזאגט, אז עס איז א שאד אויף יעדע פרוטה וואס ער לייגט אריין דארט, עס איז א שאד מען זאל נעמען אויף זיך אזא אונטערנעמונג. אבער ער האט געפאלגט, ער האט נישט געקוקט, דער רב האט געהייסען, האט ער זיך אהערגעשטעלט, און ער האט עס אויפגעשטעלט. און ב"ה היינט האלט מען, אז דער פלאץ איז שוין קליין, און עס וואלט געמעגט זיין גרעסער, מען זאל קענען צובויען דערצו.

**און** ער האט זיך נישט אפגעשטעלט, ער גייט פון איין פראדשעקט צום צווייטן. מען האט געדארפט בויען דא דעם בנין, וואס האט געקאסט מיליאנען, מען האט נישט געטראכט אז עס וועט אזופיל אריינציען. מען האט געקויפט קודם דא א בנין אין דערזייט, מען האט גארנישט געטראכט אפילו פון צובויען, מען האט געטראכט מען וועט דארפן האבן א שטיקל עקסטענש"ן דערצו, און עס איז ארויסגעקומען נאכדעם אזא בנין אהערצושטעלן.

**און** ווען מען האט געענדיגט דעם בנין, האט מען געזאגט אז דער בנין איז אויך שוין קליין, מען האט שוין זייט דעמאלטס צוגעקויפט נאך א הויז דא אין די זייט, וואס מען זאל קענען מער מרחיב זיין דעם פלאץ. מען האט אריינגעלייגט יסודות אין דעם בנין אז מען זאל קענען ארויפבויען נאך א שטאק העכער דעם אויך. דאס אלעס קאסט געלט, און אויסרעכענונג, ביז מען האט דאס געקענט צושטעלן. אז מען מיינט ערליך, איז דא סייעתא דשמיא נאכדעם, דער אייבערשטער העלפט אז מען זאל קענען צוקומען צו וואס מען דארף צוקומען.

**אין** די בנין פון די מיידל שולע אין וויליאמסבורג, וואס ער לייגט אריין אזויפיל געוואלדיגע כוחות, א פראיעקט פון צוואנציג מיליאן דולר אזוי מיין איך, מען זאל דאס קענען אהערשטעלן. דער אייבערשטער באצאלט, דער באשעפער העלפט פאר די וואס טוען עוסק זיין בצרכי ציבור באמונה. מען פרעגט נישט קיין קשיות, מען פארשטייט אז עס איז דא איינער וואס פירט די קהלה, און מען דארף זיך צושטעלן, און ארויסהעלפן מיט וואס מען קען. באצאלט עס נאכדעם דער אייבערשטער, דער באשעפער געבט נאכדעם שמחות און נחת ביי די קינדער. אלע וואס זענען דא, זענען שותפים דערצו, וואס טוען צוהעלפן, אז מען זאל קענען ווייטער בויען.

*

**מען** זעהט אז די אילנות מיט די פירות האבן משנה געווען, דער באשעפער האט געזאגט אז די אילנות זאלן ארויסגעבן עץ פרי עושה פרי (בראשית א-יא), עס זאל זיין טעם עצו ופריו שוה. און די ערד האט משנה געווען, דער עץ מיטן פרי האט נישט די זעלבע טעם. איין פרי איז יא דא וואס איז טעם עצו ופריו שוה, דאס איז דער אתרוג. דער אתרוג איז דער טעם פון די עץ שפירט מען אויך די זעלבע טעם ביים אתרוג, אזוי שטייט אין די גמרא (סוכה לה.), אז עס איז טעם עצו ופריו שוה.

**מען** האט פריער גערעדט, אז די לומדי תורה זענען די פירות, און די מחזיקי תורה זיי זענען די עץ. בדרך כלל זענען די עץ און די פרי נישט שוה, קען מען דען צושטעלן אז דער מחזיק תורה זאל זיין אזוי ווי דער לומד תורה. אבער די יודען וואס שטייען נאנט צום אתרוג, אתרוג ווייזט אויף די מובחר וואס איז דא ביי כלל ישראל. די וואס שטייען צו, און זיי שטעלן זיך צו אן קיין חשבונות, זיי פראבירן צו העלפן מיט וואס מען דארף צו העלפן. די איז טעם עצו ופריו שוה, די וועלן זוכה זיין אז עס וועט זיין אמאל, ווען זיי וועלן זיצן צוזאמען, דער עץ מיט פרי וועלן האבן די זעלבן טעם, און זיי וועלן זיצן אינאיינעם.

**עס** שטייט אין מדרש (קה"ר ז-יא) שמח זבולון בצאתך וישכר באהליך (דברים לג-יח), שמח זבולון בצאתך. אויף די וועלט פלאגט זיך זבולון מיט די ארבעט און מיט די געשעפטן און אזוי ווייטער. ווען וועט ער זיך פרייען? בצאתך. ווען מען לאזט איבער די וועלט, און מען קומט ארויף, מען לאזט איבער אלע געשעפטן, מען קומט ארויף אויף יענע וועלט, בצל החכמה בצל הכסף (קהלת ז-יב), שטייט אין מדרש, דארטן קומט זיך צוזאם די חכמה מיט די כסף אויף איין פלאץ. דא אויף דער וועלט איז די צל פון די חכמה און די צל פון די כסף אויף צוויי באזונדערע פלעצער. דער בצל הכסף איז אויף דער גאס, און דער בצל החכמה איז אין בית המדרש, עס איז נישט אויף איין מקום. לעתיד זאגט דער מדרש, די אלע וואס האבן מחזיק געווען תורה, וועלן זוכה זיין אז זיי וועלן זיצן בישיבה אחת מיט די לומדי תורה, מיט די

וואס האבן געלערנט תורה. און נישט נאר מען וועט זיצן סתם דארטן און אויסהערן ווי יענער לערנט תורה, עס שטייט אין מדרש, אז דער אייבערשטער וועט געבן דעת פאר די אלע וואס האבן מחזיק געווען תורה, אז זיי זאלן פארשטיין תורה, און זיי זאלן קענען מיטהאלטן צוזאמען מיט די לומדי תורה. דאס האט געוויזן דער אתרוג, אז ביים אתרוג איז טעם עצו ופריו שוה, עס וועט נישט זיין אפגעטיילט דער עץ מיטן פרי. דער עץ מיטן פרי וועלן זיין צוזאמען, זיי וועלן זוכה זיין צו זיצן צוזאמען, אינעם זעלבן צל החכמה וועט זיין דער צל הכסף. אויף דער וועלט זיצן מיר אין בית המדרש, און די בעלי בתים זענען אינדרויסן אויף די גאס. עס וועט קומען אמאל א צייט, וואס מיר וועלן אלע זיצן צוזאמען אין איין בית המדרש. די אלע וואס האבן צוגעהאלפן אויפצובויען תורה, וועלן אלע זוכה זיין שפעטער צו זיין בצל החכמה בצל הכסף.

**א** עקסטערע הכרת הטוב פאר ר' יוסף לעפקאוויטש זאל זיין געזונט, וואס ער איז עומד לימיני צו יעדע זאך וואס מען דארף האבן. איז עס אין די מוסדות, איז עס אין קהל, איז עס אין יעדע דבר שבקדושה וואס מען האט צוטון מיט מענטשן, שטייט ער מיר צו הילף, ווי מען האט פריער גערעדט אן קיין שום חשבונות, וואס מען בעהט טוט ער, צו עס איז גרינג צו עס איז שווער. דער אייבערשטער האט אים געגעבן הצלחה ב"ה, אז ער איז צוגעקומען צו זעהן היינט ווי אזוי דער בנין איז עומד על תילה. זאל דער אייבערשטער געבן פאר אונז אלע, מען זאל קענען טון שטענדיג מצות און מעשים טובים, קענען דינען דעם אייבערשטען.

**יעדער** האט א תפקיד אויף דער וועלט וואס ער דארף עס אויספירן. און אז מען פירט אויס דעם תפקיד אויף די וועלט ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס איז מען זוכה צום שלימות. לומדי תורה איז זייער תפקיד מרביץ תורה צו זיין, בעלי בתים איז זייער תפקיד איין זאך, צו שטיין צו הילף און ארויס העלפן די מרביצי תורה, מיט וואס זיי קענען. און אויב זיי זענען מקיים זייער תפקיד, זיי שטעלן זיך צו, איז בצל החכמה בצל הכסף, דעמאלטס איז מען זוכה אז עס וועט קומען א צייט וואס עס וועט זיין שמח זבולון בצאתך וישכר באהליך, וואס יעדער וועט נהנה זיין פון די זכות פון תורה.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, עס איז א נייע יאר, ראש השנה לאילנות, ווי מען האט פריער גערעדט, אז אילנות גייט ארויף אויף די וואס זענען מחזיקי תורה, זאל זיין א פרישע השפעה, דער אייבערשטער זאל געבן כהנה וכהנה. מען דערלייגט נישט אויף דעם וואס מען גיט צדקה, אויף דעם באצאלט דער אייבערשטער שפעטער אין די געשעפטן, מען האט וויניגער עגמת נפש, וויניגער פלאג, כמה דרכים למקום ווי אזוי דער באשעפער טוט עס נאכדעם ארויס העלפן. די אלע וואס זענען מיינע שותפים דא צוזאמען, אונז אלע אינאיינעם זאלן קענען מגדל זיין אונזערע קינדער ווי עס דארף צו זיין, און זעהן פון זיי נחת דקדושה. אלע זאלן זיין געזונט און שטארק, קענען שטענדיג טון דעם רצון ה'. מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום שני פרשת יתרו</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר ***יחזקאל צבי מענדלאוויטש*** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבנין החדש של המתיבתא וערך סעודת חמשה עשר בשבט לתלמידי הישיבות.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז היינט חמשה עשר בשבט, א יומא דפגרא וואס מען זאגט נישט קיין תחנון אין דעם טאג. די אנדערע ראש השנה'ס וואס איז דא, אויסער ראש השנה וואס איז באדם, זאגט מען יא תחנון, ווייל עס האט נישט קיין שייכות צום מענטש. אבער ראש השנה לאילנות האט א שייכות מיט אונז.

**מען** האט נעכטן גערעדט אז עס שטייט פונעם **חידושי הרי"ם**, אז ראש חודש שבט האט אין זיך א עקסטערע מעלה און א מדריגה, ווייל משה רבינו האט אנגעהויבן מבאר צו זיין די תורה ראש חודש שבט. בעשתי עשר חודש באחד לחודש וגו', הואיל משה באר את התורה הזאת (דברים א-ג). זאגט דער חידושי הרי"ם, ביז יעצט האט משה רבינו געלערנט מיט יודען נאר תורה שבכתב, וואס תורה שבכתב איז דער אילן, דאס איז דער בוים. און די פירות וואס

קומען ארויס דערפון, דאס איז די תורה שבעל פה. הואיל משה באר את התורה הזאת, ראש חודש שבט האט משה רבינו אנגעהויבן מבאר צו זיין די תורה, ארויסצוגעבן די פירות וואס ליגט אינעם אילן. און וועגן דעם איז אין די וועלט אויך אזוי, אלעס נעמט זיך פון די תורה, אין די תורה איז שבט א צייט וואס דעמאלטס קומט אריין די שרף אינעם אילן, מבאר צו זיין די תורה, איז אין די וועלט אויך אזוי, אז דער אילן באקומט זיין כח אין חודש שבט.

*

**די** פרשה די וואך איז אויך פארבינדען מיט תורה, די מעמד פון הר סיני איז אין די פרשה, מען דארף מיטלעבן מיטן זמן. ווען מען לייענט די פרשה פון קבלת התורה, איז דא א התעוררות פון קבלת התורה ביי יעדע יוד. ווען מען לייענט ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען קבלת התורה, פון ווען משה רבינו איז געקומען רעדן צו יודען, ביז מען האט מקבל געווען די תורה, אז עס איז געווען א הכנה מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. ווי אזוי עס איז דעמאלטס געווען די הכנה צו קבלת התורה, אזוי איז ביי יעדן יוד, ווען ער וויל מקבל זיין אויף זיך די תורה, דארף ער אדורכגיין די גאנצע שטאפל. משה רבינו איז געקומען פארשלאגן די תורה פאר יודען, און יודען האבן געזאגט נעשה ונשמע, און אזוי ווייטער, ביז עס איז צוגעקומען אז מען איז געשטאנען ביים בארג סיני, און מען האט מקבל געווען די תורה.

**ווען** דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל פארשלאגן די תורה פאר יודען, האט זיך דער אייבערשטער קודם פארגעשטעלט, ווער דער באשעפער איז, און וואס ער האט אלץ געטון פאר יודען. אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, ואשא אתכם על כנפי נשרים, ואביא אתכם אלי (שמות יט-ד), ער האט זיך פארגעשטעלט, איך האב ענק ארויסגענומען פון מצרים, און גענומען על כנפי נשרים, און געברענגט צו מיר.

**געווענליך** ווען מען טראגט אָן פאר איינעם א געשעפט, דארף מען רומען דעם געשעפט, און ארויסלייגן די מעלות וואס עס איז דא דערין. נישט אייביג קען מען פארשטיין די גליק וואס מען האט אין דעם געשעפט וואס מען טראגט אָן. ער איז נישט אין די ביזנעס, און ער פארשטייט עס נישט, איז ממילא אפילו מען טראגט אים אָן א גוטע ביזנעס, אבער ער ווייסט נישט צו פארשטיין צו עס איז גוט. אבער אז עס קומט א מומחה, וואס ער געטרויעט אים, און דער מומחה זאגט אים, דו זאלסט וויסן אז דאס איז א געשעפט וואס איז נישט דא קיין בעסערס דערפון, גייט ער אריין דערין, אפילו ער פארשטייט עס נישט, ווייל דער מומחה פארשטייט דערצו, און ער זאגט אז עס איז גוט.

**א** מאמע האט די מערסטע ליב א קינד. עס איז נישט דא קיין נברא שבעולם וואס האט אים אזוי ליב, ווי זיין מאמע. די מאמע האט די גרעסטע רחמנות וואס איז דא, אויף קינדער. און א מאמע ווייסט מען, אז די ליבשאפט איז נאר צום קינד. און אז די מאמע זאגט פארן קינד אמאל, טו אזוי און אזוי, איך זאגט דיר עס וועט זיין גוט, גלייבט ער, און ער פאלגט, ווייל ער ווייסט אז די מאמע וועט אים נישט זאגן א זאך וואס איז שלעכט. די מאמע טוט אים אזויפיל גוטס, כל ימי חייה, זי האט אים ערצויגן, זי וועט אים נישט גיין זאגען א זאך וואס איז שלא לטובתו, עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אז א מאמע זאל אזא זאך טון. אז א מאמע זאגט, ווייסט מען אז מען קען איר געטרויען און ער קען פאלגן. עס איז שווער צו פאלגן, אבער ער גלייבט אז עס איז אמת וואס די מאמע זאגט, ער גלייבט איר בלב שלם.

**דער** אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען, און עס איז נישט אזוי גרינג מקבל צו זיין אויף זיך עול תורה און עול מצות, תרי"ג מצות התורה. ער דארף אוועקגעבן דאס גאנצע לעבן פון עולם הזה, און זיך מקדיש זיין פאר תורה, עס איז נישט אזוי גרינג. קומען סתם פארשלאגן פאר יודען, איך האב א תורה, איך בין גרייט עס צו געבן פאר ענק, און זיי זאלן מקבל זיין עול תורה. עס הערט זיך שווער, אז מען זאל עס וועלן מקבל זיין. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך בין ענקער געטרייע מאמע, אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים, איך האב איבערגעדרייט די וועלט פאר ענק. איך האב ענק ארויסגענומען פון מצרים, און די עשר מכות וואס איז געווען, און קריעת ים סוף, און אזוי ווייטער, ואשא אתכם על כנפי נשרים, איך האב ענק אויפגעהויבן על כנפי נשרים, עס שטייט אין תרגום יונתן (שמות יט-ד), אז דער אייבערשטער האט זיי געטראגן צום מקום המקדש, ואביא אתכם אלי. עס איז נישט דא קיין געטרייערער

פאר ענק אויסער מיך, קיינער האט נאכנישט געטון פאר ענק, וואס איך האב געטון פאר ענק. און אז איך טו דאס ענק פארשלאגן, ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, והייתם לי סגולה מכל העמים, דארפט עטץ פארשטיין אז די תורה וואס איך געב ענק, איז כדאי מען זאל דאס מקבל זיין אויף זיך. און ווי רש"י (שם יט-ה) זאגט, ועתה, אם עתה תקבלו עליכם, יערב לכם מכאן ואילך, שכל התחלות קשות. די התחלות איז קשות, אבער מכאן ואילך יערב לכם. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך בין דער געטרייסטער פאר ענק, און אז איך זאג ענק אז עס איז נאר 'ועתה', די שוועריקייט איז נאר יעצט, און שפעטער וועט זיין יערב לכם, זענען יודען גרייט געווען תיכף מקבל צו זיין די תורה.

**מען** איז יונג, און אסאך מאל פארשטייט מען נאכנישט די חשיבות פון תורה, מען פארשטייט נאכנישט וואס וועל איך האבן פון זיצן און לערנען, פון נישט מבטל זיין קיין מינוט פון לערנען, זיך אוועקגעבן פאר מצות ה', כל התחלות קשות, עס קומט נישט אן גרינג. אבער אז מען ווייסט דעם אמת, דער אייבערשטער האט געזאגט, איך בין ענקער בעסטער פריינד, וואס איך האב געטון פאר ענק, האט נאך קיינער נישט געטון פאר ענק. און איך זאג ענק, אז מכאן ואילך יערב לכם, פאלגטס מיך, עטץ וועטס זעהן, עס איז נאר די התחלה, עס איז שווער די ערשטע פאר יאר, אבער מען וועט עס אריבערגיין, און שפעטער וועט ענקער לעבן זיין זיס, עולם הזה און עולם הבא וואס קומט נאכדעם, עולם הזה איז א קורצע וועלט וואס מען איז אויף די וועלט, אבער עולם הבא איז דאך א נצחיות, און אז מען איז זוכה זיך משלים צו זיין אויף דער וועלט, האט מען חיי עולם הבא אויך, עס וועט זיין יערב לכם מכאן ואילך, וועט מען מקבל זיין די תורה.

*

**די** גמרא (פסחים נ.) זאגט, לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. מען קען נישט אנהייבן צו בעטן אז מען זאל לערנען תורה לשמה, צו טון א מצוה נאר פארן אייבערשטען, עס גייט נישט. מיר זענען נישט אין די מדריגה, אז מיר זאלן עס קענען טון, מען איז נאך יונג, עס מוז זיין עפעס א שלא לשמה אויסגעמישט אויך. עס שטייט אין הייליגע ספרים, לעולם, עס איז שטענדיג אזוי, אז יעסוק אדם בתורה ובמצות שלא לשמה. די התחלה פון תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, האט דער אייבערשטער נישט אנגעהויבן זאגן, איך געב ענק א תורה, און זייטס מקיים די מצות בלתי לה' לבדו. נאר דער אייבערשטער האט אויך אנגעהויבן מיט א שלא לשמה. ועתה אם שמוע תשמעו בקולי, ושמרתם את בריתי, והייתם לי סגולה מכל העמים, עטץ וועטס זיין א סגולה פון אלע פעלקער, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, אלה הדברים אשר תדבר אל בני ישראל.

**מען** דארף האבן די שלא לשמה אויך, אפילו מען איז נישט אין די מדריגה צו לערנען תורה לשמה. פון די שלא לשמה אליין, קען מען צוקומען אז מען ארבעט זיך אויס, און מען וואקסט אויס א תלמיד חכם. ווילאנג מען איז יונג דארף מען אויך נעמען אין חשבון דעם שלא לשמה. אוודאי דארף מען צוקומען שפעטער צו מתוך שלא לשמה בא לשמה, אבער דאס איז די התחלה. און אויף דעם ארויף האבן יודען מקבל געווען די תורה תיכף, זיי האבן געזאגט כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע, מען דארף אפילו נישט הערן קודם וואס מען בעהט פון אונז. עס איז נישט דא קיין נשמע, אז קודם וועלן מיר הערן, און נאכדעם נעשה. נאר כל אשר דבר ה' נעשה, ביי אונז איז דא א קבלה, אונז גיי מיר טון. וואס? נשמע, מיר וועלן שוין הערן שפעטער. אבער קודם האבן זיי מקדים געווען עשיה לשמיעה.

*

**נאכדעם** וואס זיי האבן שוין מקבל געווען די תורה, האט דער אייבערשטער געזאגט, עטץ ווילטס מקבל זיין תורה, עס דארף האבן א הכנה, וקדשתם היום ומחר (שמות יט-י), מען דארף זיך קודם מקדש זיין. מען קען נישט זוכה זיין צו תורה, ווען עס פעלט קדושה. אן דעם וואס מען איז זיך נישט מקדש קודם, איז מען נישט זוכה צו תורה. עס מוז זיין קודם וקדשתם היום ומחר, מען דארף זיך מקדש זיין דריי טעג, והיו נכונים ליום השלישי, און נאכדעם קען דער אייבערשטער קומען און געבן די תורה. ווילאנג עס איז נישט דא דער וקדשתם היום ומחר, עס איז נישט דא די קדושה, קען מען נישט צוקומען צו קבלת התורה. צו מקבל זיין די תורה, אז די תורה זאל זיך אנקלעבן אינעם מענטש, מוז זיין קדושה. קדושה קלעבט זיך נאר צו, דארט וואו עס איז דא קדושה. אז עס איז

ניסט דא קיין קדושה, פאַרט זיך עס נישט צוזאמען. וקדשתם היום ומחר, אז דו ווערסט זיך מקדש זיין, קענסטו צוקומען צו קבלת התורה.

**און** הוסיף משה יום אחד מדעתו, דער אייבערשטער האט נישט געבעטן מער ווי וקדשתם היום ומחר, משה רבינו האט אבער געלערנט, היום ומחר איז נאכנישט געגוג. היינט און מארגן גייט זייער שנעל אריבער, און עס איז נישט גענוג צו קבלת התורה. און ער האט צוגעגעבן יום אחד מדעתו, ער האט געגומען מתן תורה און עס אפגעשטופט מיט א טאג. די גאנצע וועלט איז געשטאנען יום הששי (בראשית א-לא), אז מען זאל מקבל זיין די תורה, אז נישט גייט די וועלט צוריק צו תוהו ובוהו, און משה רבינו האט געזאגט, איך דארף נישט א תורה וואס איז נישט דא קיין קדושה דערביי, מען האט זיך נישט געהעריג מקדש געווען, און זיך צוגערייט. דריי טעג איז א זמן וואס מען געפונט אז דאס מאכט א קביעות. אז מען ווערט זיך מקדש זיין דריי טעג, דעמאלטס ווערט מען קענען זיין ראוי צו קבלת התורה. והסכים הקב"ה על ידו, און דער אייבערשטער האט מסכים געווען, לא ירדה שכינה, עס איז נישט אראפגעקומען די שכינה נאר א טאג שפעטער. כאטש דער אייבערשטער האט געזאגט כי ביום השלישי, איז דער אייבערשטער הערשט אראפגעקומען שפעטער. דער אייבערשטער האט מסכים געווען צו משה רבינו, אז עס דארף זיין הוספת קדושה, כדי מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה.

*

**עס** איז דא נאך א נקודה וואס איז געווען פאר קבלת התורה. דער אייבערשטער האט אנגעזאגט פאר יודען, והגבלת את העם סביב לאמור, השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו (שמות יט-יב). ווען עס קומט צו מתן תורה, יעדער ווערט זיך וועלן שטופן ארויפצוגיין, זיין נאנט צום אייבערשטען מקבל זיין די תורה. האט דער אייבערשטער געמאכט מחיצות, משה האט געהאט א מחיצה פאר זיך, אהרן האט געהאט א מחיצה, די כהנים האבן געהאט א מחיצה, און דערנאך כלל ישראל. יעדער האט געהאט זיין מחיצה, וואו ער שטייט ביי מתן תורה.

**ווען** מען גייט מקבל זיין די תורה, וויל יעדער צוקומען צום שפיץ. משה רבינו שטייט אויבן, און ער גייט צולויפן צו משה רבינו, ער וויל אויך מקבל זיין די תורה. אבער דער אייבערשטער האט אונז געלערנט, נישט יעדע נשמה איז איינס, נישט יעדע גוף איז איינס, מיר אלע האבן א נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל, אבער דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט יעדן איינעם אנדערש. די כלים פון ראובן איז נישט דומה צו די כלים פון שמעון, און שמעון האט נישט די זעלבע כלים ווי ראובן. עס איז דא אמאל וואס מען וויל זיין אזוי ווי יענער, און דאס צוברעכט דעם מענטש, פארוואס בין איך נישט אזוי ווי יענעם. דו קענסט נישט זיין ווי יענער! דער אייבערשטער האט דיך נישט אראפגעשיקט אויף די וועלט, אז דו זאלסט זיין אזוי ווי יענער. דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשיקט, אז דו זאלסט זיין וואס דו קענסט זיין. דו האסט דיין פלאץ אויף דער וועלט, און דו דארפסט זיך אויסארבעטן די מערסטע וואס דו קענסט צוקומען, אין דיין מדריגה. - ווען דו זעהסט דיין חבר, וואס איז אזוי ווי דיין מדריגה, און ער איז צוגעקומען מער פון וויפיל דו ביסט צוגעקומען, דא איז שייך אז מען זאל מקנא זיין, און דאס איז קנאת סופרים תרבה חכמה (בבא בתרא כא.). אבער אמאל איז דא וואס א מענטש איז זיך מצער, ער וואלט געקענט זיין ווי דער מרביץ תורה, ער וואלט געקענט זיין דער און דער, אבער ער איז נישט צוגעקומען צו וואס ער האט געטראכט. דאס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער האט אראפגעשטעלט יעדן מענטש. מען פאדערט נישט פון קיינעם ער זאל טון א זאך וואס איז נישט לפי ערכו. וואס מען בעהט פון א יוד איז, טוה וואס דו קענסט, דיינע כוחות, וואס דו קענסט צוקומען דערצו, נוץ עס אויס ביז צום סוף.

**די** וועלט זאגט נאך אויפן הייליגער **רבי ר' זושא זי"ע,** [עס איז געווען די יארצייט ב' שבט], אז דער רבי ר' זושא האט געזאגט, ווען איך וועל ארויפקומען אויף יענע וועלט, האב איך נישט מורא אז מען ווערט מיך דן זיין, פארוואס איך בין נישט געווען א אברהם, א יצחק, אדער א יעקב. ווי אזוי קען א פשוטער זושא צוקומען צו די מדריגות. אבער איין זאך האב איך מורא, אז מען ווערט מיך דן זיין און פרעגן, 'זושא, פארוואס ביזט נישט געווען קיין זושא'?! דאס וואס דו קענסט זיין. דער באשעפער פאדערט נישט, וואס מען קען נישט.

**עס** איז גבולות חלק הקב"ה בעולמו, ווען עס איז געקומען צו מתן תורה, האט דער אייבערשטער געשטעלט יעדן אין זיין פלאץ. איינער איז געווען גאר נאנט צום אייבערשטען אויפן בארג, איינער איז געווען אביסל אראפציער, און איינער איז געווען נאך ווייטער. און יעדער וועט וועלן צוקומען צו די העכסטע מדריגה, נעבן דעם אייבערשטען. האט דער אייבערשטער געזאגט, השמרו לכם עלות בהר, יעדער האט זיין מקום, יעדער האט זיין פלאץ, און אויף דעם פלאץ וואו דו ביסט, אויף דעם פלאץ וואס דער אייבערשטער האט דיך געשטעלט, אין דיין מצב זאלסטו זעהן אויסצונוצן און שטייגן אין תורה. דאס איז די הכנה צוצוקומען צו קבלת התורה, דאס איז די זעלבע הכנה ווי עס איז געווען בשעת מען האט געגעבן די תורה, און דאס איז ביי יעדן יוד.

*

**די** וועלט זאגט נאך פונעם **חידושי הרי"ם**, אז שבועות זאגט מען, אז עס איז זמן מתן תורתינו, עס איז די צייט וואס מען האט געגעבן די תורה. פארוואס זאגט מען נישט זמן 'קבלת' התורה, עס איז א זמן וואס מען האט מקבל געווען די תורה. קבלת התורה איז צוטיילט אין צוויי חלקים, מתן תורה, דאס איז די נתינה, דער נותן, דער אייבערשטער האט געגעבן, און די יודען האבן עס מקבל געווען. אונז זאג מיר אז עס איז דער זמן פון 'מתן' תורתינו, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה. פארוואס רעדט מען נישט פון אונזער קבלה, אז דאס איז דער זמן וואס מיר האבן מקבל געווען די תורה.

**האט** דער חידושי הרי"ם געזאגט, ווייל קבלת התורה איז ביי יעדן יוד יעדן טאג. אפילו ער האט נישט מקבל געווען די תורה דעמאלטס ביים בארג סיני, קען ער מקבל זיין די תורה זונטאג מאנטאג דינסטאג, אנהייב זמן, אינמיטן זמן, ביים סוף זמן, עס איז נישט קיין נפקא מינה, קבלת התורה דאס קען זיין שטענדיג. זמן 'מתן' תורתנו, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה נאר איין מאל, דער באשעפער האט עס געגעבן אין סיון. און פון דעמאלטס אן איז תורה מונחת בקרן זוית, די תורה ליגט פריי, און יעדער קען צוקומען דערצו. דער וואס לייגט זיך אריין, קען זוכה זיין צו תורה, ער קען צוקומען און שטייגן און וואקסן אין תורה.

**און** ווען מען לערנט די פרשה פון קבלת התורה, איז דא א נייע התחדשות ביי א מענטש אויך, אז מען זאל קענען מקבל זיין די תורה. ווי מען האט פריער גערעדט, ביי קבלת התורה איז דא די וועג וואס דער אייבערשטער האט אויסגעשטעלט דעמאלטס ביי קבלת התורה, דאס איז דער וועג פאר יעדן יוד שטענדיג. געדענקען די חשיבות פון תורה, געדענקען דעם מכאן ואילך יערב לכם, עס איז נאר התחלות קשות, די ערשטע פאר יאר איז שווער, אבער עס גייט אדורך זייער שנעל. און אז מען האט זיך אויסגעלערנט, מען פארשטייט תורה, און מען ליגט אין תורה, איז מען א אנדערע סארט מענטש שפעטער. עס איז מכאן ואילך יערב לכם, עס איז א גרינגער לעבן אויף דער וועלט. א ערליכער יוד איז זיך נישט מתרעם אויף קיין שום זאך, אלעס איז ער מקבל מיט א אהבה און מיט א שמחה. ער לעבט א רואיג לעבן, ער איז זיך מתענג יעדן טאג פון זיין תורה און זיינע מצוות וואס ער טוט. ביי צדיקים איז נישט דא קיין גרעסערער תענוג ווי צו דינען דעם אייבערשטען.

**מען** זאגט נאך פונעם **הייליגן לעכוויטשער זי"ע**, ווען ער האט געגעסן א מאכל לכבוד שבת, האט ער געזאגט, אז מען זאל אים גלייבן, אז דער גרעסטער בעל תאוה אויף דער וועלט, מיט זיינע עבירות וואס ער טוט, האט נישט אזא תענוג ווי ער האט, ווען ער עסט א מאכל לכבוד שבת. און דאס איז נאר ביי עסן א מאכל לכבוד שבת, און וואס איז מיט זיין תקיעת שופר, און זיין אתרוג בענטשן, און זיין דאווענען, און זיין לערנען, דאס איז מכאן ואילך יערב לכם. מען קען צוקומען דערצו. עס איז שווער אין אנהייב, מען מעג טון שלא לשמה. יא, איך וויל האבן א גוטען נאמען, איך זאל זיין דער בעסטער אין די כתה, און איך זאל קענען טון א גוטע שידוך שפעטער, מען קען האבן אסאך שלא לשמה'ס, צו באקומען א פרס, אלעס מעג מען טון. ווילאנג עס איז דא דער ציל אז מתוך שלא לשמה בא לשמה, קען מען דאס טון. און געדענקען וקדשתם היום ומחר, עס איז דא זמנים וואס מען איז עוסק יעצט זיך מקדש ומטהר זיין, וואס דאס איז א הכנה מען זאל קענען מקבל זיין די תורה.

*

**מען** זעהט אז חמשה עשר בשבט איז ראש השנה לאילנות, עס איז א נייע יאר פארן בוים. א בוים האט

צייטן וואס עס בליהט, און עס איז דא צייטן וואס ער איז פארוועלקט. ווען עס קומט זומער, קומען ארויס די בלעטער פונעם בוים, און עס הייבט אן ארויסצוקומען די פירות, שיינע פירות און גוטע פירות, וואס דער אייבערשטער האט דאס באשאפן להנות בהם בני אדם, קענען מהנה זיין דערמיט די וועלט. עס האט א עליה, און יעדן טאג איז די עליה גרעסער. קודם א בלעטעלע, נאכדעם א בלומעלע, א קליינע פרי, א גרויסע פרי, ביז עס קומט צו, צו דעם שפיץ. נאכדעם האט ער א ירידה, עס הייבט אָן אראפצופאלן די פירות, עס הייבט אָן אראפצופאלן די בלעטער, נאכדעם הייבט דער בוים אָן צו ווערן אויסגעדארט, עס ווערט א אנדערע סארט בוים איבערן ווינטער. נאכדעם האט ער ווייטער א עליה, ער הייבט אָן ווייטער צו וואקסן. פארוואס האט דער אייבערשטער אזוי געמאכט. וואס איז די ירידה וואס איז דא אינדערמיט, ביי דעם בוים.

**עס** איז נישט קיין ירידה פארן בוים, די ירידה איז לצורך עליה. כדי ער זאל קענען וואקסן שפעטער, דארף זיין א ווינטער, עס דארף אדורכגיין אויף אים קעלט און פרעסט, שניי און רעגן, די אלע שווערע זמנים וואס עס גייט אדורך אויף א בוים, דאס גיט אים חיות אז ער קען שפעטער צוריק וואקסן. דער בוים לערנט אונז, אז כי האדם עץ השדה (דברים כ-יט), מיר זענען צוגעגליכן צו דעם בוים. דער בוים האט עליות און ירידות, עס האט צייטן וואס עס איז ברום המעלה, און עס איז דא צייטן וואס עס איז ליידיג. יעדער מענטש איז אויך אזוי, א מענטש שטייט נישט אויף איין מדריגה, א מענטש איז א הולך, אדער ארויף אדער אראפ, מען איז נישט קיין דומם וואס מען האט אים איינגעשטעלט אזוי ווי א מאשין, און ער בלייבט אייביג אויף די זעלבע מדריגה.

**די** ירידות וואס א מענטש האט, ווען ער זאל נישט האבן די ירידות, וואלט ער זיך נישט געקענט מתגבר זיין צו האבן א העכערע עליה. ווען ער ווערט צובראכן, און ווען ער פאלט אדורך, און ער האט א ירידה, דאס גיט אים די התחדשות, ער זאל קענען שפעטער צוקומען צו א עליה. פונקט ווי ביי דעם בוים, איז די זמן פון זיין ירידה, דארט באקומט ער זיין כח ער זאל קענען שפעטער האבן אַן עליה, ער זאל קענען ארויסגעבען נאכדעם די שיינע פירות. אזוי איז האדם עץ השדה. מען דארף נישט ווערן צובראכן פון א ירידה. יעדע מענטש האט ירידות, און מען דארף אויסנוצן די ירידה, אז עס זאל זיין לצורך עליה, אז מען זאל קענען שפעטער שטייגן.

**דער** בוים קוקט אויס ווינטער ווי ער איז שוין חרוב, עס וועט שוין פון אים גארנישט זיין, ער איז ליידיג. אבער סוף כל סוף עס גייט אדורך דער ווינטער, און ער האט זיך אנגעזאפט מיט גענוג רעגן און גענוג לחלוחית ער זאל קענען אנהייבן ארויסצוגעבן שפעטער די פירות. בשעת די ווינטער, דערקענט זיך גארנישט אויפן בוים, אז ער שטייגט יעצט. אונז קוק מיר אן די ביימער אינדרויסן, אונז זעה מיר עפעס יעצט מיט די אויגן, אז די רעגן האט עפעס צוגעגעבן צו די בוים? אונז זעה מיר עפעס אז די שניי און די ווינטן האבן עפעס צוגעהאלפן צו דעם בוים? אונז זעה מיר נאר אז עס איז חרוב. אבער ווען עס גייט אדורך א זמן, און עס הייבט אָן צו וואקסן פון פריש, דאס קומט נאר דורך די גשמי השנה וואס איז געווען פון פריער. אויף איין מאל זעען מיר מכיר, אונז דערקען מיר אז דאס וואס וואקסט יעצט, דאס נעמט זיך פון דעם וואס ער האט געהאט אין משך פונעם ווינטער.

**די** זעלבע איז א מענטש, כי האדם עץ השדה, עס דערקענט זיך נישט אויפן מענטש אז ער וואקסט. דער בוים באקומען זיין כוחות אין משך פונעם ווינטער, און עס דערקענט זיך נישט. עס גייט אדורך א שטיק צייט, זעהט זיך דער בוים, אז ער איז א אנדערע סארט בוים פון וואס ער איז געווען פאר דעם. די זעלבע איז אויך די ימי הבחרות פון א מענטש, ווילאנג מען איז יונג, מען פלאגט זיך, און מען פלאגט זיך, ער שפירט נישט אז ער ווערט נתעלה, ער שפירט נישט אז ער פארשטייט בעסער, אז ער שטייגט מער, ער שפירט נישט אז ער איז געשטיגן אין עבודת ה'. עס גייט אבער אדורך א האלבע יאר, א יאר, און ער קוקט צוריק, ווי אזוי האב איך אויסגעזעהן א יאר צוריק, און ווי אזוי זעה איך אויס יעצט, און נאך א שטיק צייט שפעטער, דערקענט ער דער עילוי וואס ער איז צוגעקומען במשך פונעם זמן. מען שפירט נישט אז מען וואקסט יעדע מינוט און יעדער רגע, איך האב נאך עפעס געלערנט, נאך א מצוה געטון, נאך אביסל געשטיגן, ברבות הימים דעמאלטס דערקענט זיך אז דער מענטש איז געשטיגן.

**איך** האב אמאל געהערט, אז מען זעהט ווען מען לייגט אראפ בלומען אויפן טיש לכבוד שבת, און פרייטאג צו נאכטס איז דער בלום נאך צוזאמגעצויגן, נאך א טאג צוויי דריי, זעהט מען אז עס האט זיך געעפענט, און עס איז א אנדערע בלום פון וואס עס איז געווען פאר דעם. מען קען נישט באמערקן ווען עס האט זיך געענדערט, ער באמערקט נישט אז עס האט זיך עפעס גערירט אינעם בלום ביז עס עפענט זיך. בשעת עס עפענט זיך, זעהט מען גארנישט. עס קוקט אויס ווייטער די זעלבע, עס איז אזא משהו דאס ביסל וואס עס ריקט זיך, אז מען קען עס נישט דערקענען. אבער ווען מען לאזט עס איבער א טאג, און ער קומט צוריק די אנדערע צופרי, און ער זעהט עס, איז עס א נייע בלום. - די זעלבע איז אויך דער מענטש. מען דערקענט נישט בשעת מען האט א עליה. יעדע מינוט וואס ער לערנט, נאך א טאג וואס ער פירט זיך אויף ערליך, ער דינט דעם אייבערשטען, וואקסט ער. איי ער זעהט עס נישט, ביים בוים זעהסטו אויך נישט די עליה וואס ער האט בשעת ער וואקסט. בשעת עס קומט אריין אין אים די שרף אינעם אילן דערקענסטו עס נישט, אבער שפעטער דערקענט מען עס.

**אסאך** מאל דערקענט זיך עס הערשט אויף די עלטערע יארן. איך האב געקענט אסאך וואס האבן זיך געדרייט ביי ערליכע יודען, זיי זענען געווען שטוב מענטשן ביי צדיקים. זיי זענען געווען אנשים פשוטים. בשעת מעשה זענען זיי געווען בחורים יונגעלייטלעך אנשים פשוטים מאוד. אבער שפעטער זענען זיי אויסגעוואקסן ערליכע בעלי בתים, און דערהויבענע יודען. עס איז זאכן וואס עס זאמלט זיך איין אינעם מענטש. וואס מען איז קונה אין די יונגע יארן, זאמעלט זיך עס איין אינעם מענטש. אפילו מען דערקענט עס נישט יעצט, דאס איז די רעגן און די שניי וואס קומט אריין, וואס גיט די חיות פארן מענטש, אבער שפעטער בליהט עס אויף. דאס דארף געבן כח פאר א מענטש, צו וויסן אז די יונגע יארן וואס מען האט, דאס איז טעג וואס דעמאלטס זאמלט מען זיך איין. וואס מען ווערט זיך איינזאפן אין די צייט, אמאל דערקענט זיך עס תיכף אז מען איז געשטיגן, און אמאל דערקענט זיך עס שפעטער. אבער לויט וואס פאר א יונגערמאן מען איז, אזוי איז מען אויף די עלטערע יארן שפעטער, דעמאלטס קומען ארויס זאכן וואס אסאך מאל אין די יוגנט איז דאס נישט ארויסגעקומען, אבער שפעטער זעהט מען דאס.

**אז** מען זיצט ראש השנה לאילנות, חמשה עשר בשבט, ווען עס קומט אריין די שרף אין די אילנות, עס הייבט זיך אָן א נייע יאר פאר די אילנות, און עס איז פרשת יתרו, די פרשה פון קבלת התורה, און מען זיצט אין א נייע בית המדרש, איז עס א פרישע התחדשות. עס איז נאכנישט א חנוכת הבית, א חנוכת הבית הייבט מען נישט אָן מיט עסן, א חנוכת הבית הייבט מען אן מיט לערנען שעות רצופות, דאס איז די חנוכה פון א בית המדרש. אבער פאר שבת איז דא א טועמיה וואס מען גיט קודם, דאס איז נאר דער טועמיה פריער. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען אריינקומען אין דעם בנין, און מען זאל זיך אוועקגעבן פאר תורה מיט א נייע התחדשות, אלעס איז ניי. ראש השנה איז ניי, די אילנות איז ניי, די בנין איז ניי, די קבלת התורה זאל זיין ניי, מען זאל קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה', און נוצן דאס פלאץ אי"ה מתוך שמחה וטוב לבב, מיט לאנגע געזונטע יארן. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **ברוך אברהם לעפקאוויטש** הי"ו.

כמו כן התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל האירוסין של החתן **יהודא לייב** נ"ו בן הר"ר **אברהם שמואל סאמעט** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אשר אנשיל גאטעסמאן** הי"ו.

*

***יום שלישי פרשת יתרו***

בשעות אחר הצהרים התפלל **רבינו שליט"א** תפלת מנחה בבית המדרש סאמבאטהעלי. אחר התפלה נסע לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

*

***שבת קודש פרשת יתרו***

**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב"ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי שאול שמחה פריעדמאן שליט"א** אב"ד שמן למנחה (לעיקוואוד) בברכת המזון.

*יום חמישי פרשת משפטים*

אחר מעריב השמיע **רבינו שליט"א** דברי חיזוק והדרכה לתלמידי ישיבת אור הבהיר, בראשות **הרה"ג רבי ישראל שלום טויב שליט"א.**

*וזה תוכן הדברים:*

**די** וואך אין סוף פון די פרשה איז דא די פרשה פון מתן תורה. פרשת יתרו איז געווען מתן תורה, און אין פרשת משפטים, אין סוף פון די פרשה, איז איבערגע'חזר'ט מתן תורה. דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה אויפן בארג סיני, און ווען מען האט געגעבן די תורה איז געווען א גערודער, עס איז געווען קולות וברקים, עס איז געווען א געשריי, מען האט געהערט קולות, אז מען האט מורא געהאט, וירא העם וינועו (שמות כ-טו), מען האט מורא געהאט פון די קולות. עס שטייט אין מדרש (שמו"ר ה-ט) קול ה' בכח (תהלים כט-ד), דער קול פונעם אייבערשטען קומט מיט א שטארקייט. זאגט דער מדרש, עס שטייט נישט קול ה' בכחו, אז דער קול פונעם אייבערשטען איז געווען מיט זיין כח, ווייל מען וואלט נישט געקענט אויסהאלטן דער קול פונעם אייבערשטען. קול ה' בכח, בכוחו של כל אחד ואחד, דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יעדן יוד לויט זיין כח. ביי מתן תורה זענען געווען זעקס הונדערט טויזנט יודען, מער פון א האלב מיליאן יודען זענען געווען ביי מתן תורה. נישט יעדער איינער איז געווען אזא איינער וואס האט געקענט אויסוואקסן א משה רבינו, וואס זאל קענען אויסוואקסען אזוי ווי אהרן הכהן, יעדער מענטש איז אנדערש. דער אייבערשטער גיט די תורה פאר יעדן מענטש לויט זיין כח, דו זאלסט טון וואס דו קענסט טון, דו דארפסט נישט טון וואס יענער קען טון. דו ביסט נישט יענער, און יענער איז נישט דו. א מענטש דארף טון וואס ער קען טון אליין, אזוי האט דער אייבערשטער געגעבן די תורה.

**די** וועלט זאגט נאך, אז דער **הייליגער רבי ר' זושא** האט געזאגט, איך האב נישט מורא אז ווען איך וועל קומען אויף יענע וועלט, וועט מען מיר פרעגן, פארוואס ביסטו נישט געווען אזוי ווי משה רבינו, פארוואס ביסטו נישט געווען אזוי ווי די תנאים. איך וועל ענטפערן, ווי קען א פשוטער זושא, זיין א משה רבינו. ווי אזוי קען א פשוטער זושא, זיין אזוי ווי א תנא?! אבער איך האב מורא אז מען וועט מיר פרעגן אויבן אין הימל, 'זושא, פארוואס ביסטו נישט געווען א זושא'? דאס וואס דו קענסט יא זיין, פארוואס האסטו נישט געטון וואס דו קענסט. מען בעהט נישט צו טון א זאך וואס מען קען נישט. מען בעהט פון יעדן איינעם וואס דו קענסט, זאלסטו טון. מען בעהט נישט פון דיר וואס מען בעהט פון אים, און מען בעהט נישט פון אים וואס מען בעהט פון אים, פון יעדן איינעם בעהט מען עפעס אנדערש. לויט וואס פאר א כח דו האסט, אזוי דארפסטו דיך אויפפירן.

**דאווענען.** עס קען נישט דאווענען יעדער איינער די זעלבע. איינער האט א שוואכערן קול, איינער האט א שטערקערן קול. איינער קען דאווענען מיט מער כוונה, און איינער האט נישט קיין געדולד אזויפיל צו דאווענען. אבער פון יעדן איינעם בעהט מען, דו זאלסט טון דאס מערסטע וואס דו קענסט. דאווען אזוי ווי דו קענסט, אבער ערנסט. וואס דו דאווענסט, זאלסטו דאווענען. מכוון זיין פירוש המלות, מכוון זיין די טייטש, דאווענען צום אייבערשטען, שטיין אויף איין פלאץ, דאווענען מיט א קול, ארייננקוקען אין א סידור. מען בעהט פון יעדן איינעם, אז ער זאל טון וואס ער קען.

**לערנען.** מען פארלאנגט נישט אז יעדער איינער זאל קענען די זעלבע, ווייל נישט יעדער איינער קען קענען די זעלבע. איינער האט זייער א גוטן קאפ, איינער האט נאך א בעסערן קאפ, און איינער האט גאר א שוואכן קאפ. מען בעהט פון יעדן איינעם, לערן וויפיל דו פארשטייסט. אבער וואס דו פארשטייסט, וואס דו קענסט יא צוקומען, דאס בעהט מען אז דו זאלסט צוקומען. לערן דאווען טוה וואס דו קענסט.

**עס** איז דא א מצוה פון כיבוד אב ואם, מען דארף מכבד זיין א טאטע און א מאמע. ווען א טאטע זאגט עפעס, צו ווען א מאמע זאגט עפעס, דארף מען נישט זאגען 'איך קען נישט', 'שפעטער', מען דארף פאלגען תיכף. א טאטע האט געהייסען, דארף מען פאלגען. דאס איז דיין מצוה. און דאס קען יעדער מקיים זיין. אלע אנדערע מצות וואס א מענטש האט, איז קול ה' בכח, דער אייבערשטער בעהט נאר, טוה לויט דיינע כוחות. און איך פארשטיי אז אלע בחורים דא טוען די זעלבע, יעדער טוט לויט זיין כח. איך האב ענק געזעהן דאווענען דא, עטץ האטס

זייער שיין געדאוועוענט, אזוי דארף צו זיין, מען דארף זיך צושטעלן. עס קומט א שבת, מען גייט עסן צוזאמען די סעודה, מען גייט זינגען צוזאמען, ווערט דער שבת א עונג שבת, עס דארף זיין פריילין, מיט א גוט הארץ, און אויפגעלייגט, מיט א גוט געפיל, און זיך מתענג זיין אין שבת. שבת איז נישט א טאג וואס איז געגעבן געווארן אז מען טוט גארנישט, און עס גייט אדורך דער שבת. מען דארף אויסנוצן דעם עונג שבת, עסן גוטע מאכלים, מען זאל מקיים זיין די מצוה פון עונג שבת, אויסנוצן דעם שבת צו לערנען און צו דאווענען, און אויסהערן וואס מען זאגט, און שטייגען יעדער איינער לויט זיין מדריגה.

**איך** וויל ענק נאר אנוואונטשען, דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אז עטץ זאלטס וואקסען יעדער איינער לויט זיין מדריגה. די עיקר איז, פאלגען אלעמאל, פאלגען אין שטוב ווען מען זאגט, פאלגען ווען מען איז צוזאמען, פאלגען וואס דער רבי זאגט, דעמאלטס ווייסט מען אז מען גייט אויפן גוטן וועג. ווען מען וויל זיין א אויבער-חכם, מען וויל נישט אלעס פאלגען, מען וויל טון אזוי און אזוי, קומט מען אין ערגעץ נישט אן. אז מען פאלגט וואס מען הייסט, דעמאלטס איז מען מצליח.

*

***שבת קודש פרשת משפטים***

**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב"ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי ישראל שלום טוב שליט"א** בברכת המזון.

* * *

***שבת קודש פרשת תרומה***

**רבינו שליט"א** התפלל וערך סעודה שלישית בבית המדרש חב"ד בעיר. בסעודה שלישית כיבד **רבינו שליט"א** את **הר"ר פייש הערצאג** הי"ו בברכת המזון.

* * *

***יום רביעי פרשת תצוה***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** למעון קדשו, בחזרה ממנוחתו בפאלם ספרינגס.

***יום חמישי פרשת תצוה***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת טעסלער שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **משה יוסף טעסלער** הי"ו).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ובחן את תלמידי הישיבה על החזרה של שלחן ערוך שלמדו במשך הזמן (סי' שי"ח - הל' בישול), והתפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **משה** נ"ו בן הר"ר **מנשה יצחק פריינד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מנחם וואלפיש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **משה פריינד** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת תצוה***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק בעל אבני נזר זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום י"א אדר). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יואל אברהם סאמעט** הי"ו, והתקיימה שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **אהרן שלמה קרעמער** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.

בסעודה שלישית התקיימה השבע ברכות של החתן **אליעזר שטייף** הי"ו, חתן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, ושל החתן **יחיאל וועבערמאן** הי"ו, חתן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו.

# פרשת כי תשא י"ב – י"ה אדר א' תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תשא***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יוסף ברייער** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אלי' שלמה קרעמער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל שפירא** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לבארא פארק והגיע לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **הערשל גראזינגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת בנו החתן ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ב סעיף א') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון עשיית בגדי כהונה. דער כהן גדול האט געדארפט אנטון שמונה בגדים צו טון די עבודה, און א כהן הדיוט פיר בגדים, לכבוד ולתפארת (כח-ב). עס שטייט אין מדרש (במדב"ר ד-ח), אז אדם הראשון נאכן חטא פון עץ הדעת, האט אים דער אייבערשטער געמאכט כתנות עור, דער אייבערשטער האט זיי געמאכט א מין בגד, א כתנות עור, וילבישם (בראשית ג-כא), און דער אייבערשטער האט עס זיי אנגעטון. זאגט דער מדרש, אז דער אייבערשטער האט אים געמאכט בגדי כהונה. דא שטייט כתנות, און ביי אהרן שטייט כתונת (ויקרא טז-ד). זאגט דער מדרש, אז דער אייבערשטער האט געמאכט פאר אדם הראשון בגדי כהונה, וילבישם, און דער אייבערשטער האט זיי דאס אנגעטון.

**מען** ברענגט צו א **זוהר הק'** (ח"ב לט:), אז נישט דער אייבערשטער האט אים געברענגט די כתנות עור, און אראפגעלייגט אויפן טיש, און ער האט אים געזאגט דא האסטו, איך האב דיר געברענגט א מתנה, קליידער, טוה עס דיר אָן. נאר וילבישם, כביכול דער אייבערשטער אליין האט אנגעטון אדם הראשון מיט חוה מיט די בגדים וואס ער האט זיי געברענגט. און אזוי איז געווען שפעטער ביי די משכן. דער כהן האט נישט אליין אנגעטון די בגדים, נאר משה רבינו האט דאס ערשטע מאל אנגעטון פאר אהרן די בגדי כהונה, און וילבישם, דער אייבערשטער האט דאס אנגעטון פאר אדם הראשון.

**יעדע** זאך וואס די תורה שרייבט, דארף מען זיך אראפלערנען דערפון ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. די גמרא (סוטה מז.) זאגט, לעולם יהא שמאל דוחה וימין מקרבת. אייביג דארף זיין, אז די לינקע האנט זאל דוחה זיין, און די ימין, די רעכטע האנט, זאל מקרב זיין. די גמרא זאגט עס אקעגן דריי זאכן, יצר, אשה, ותינוק. מען איז מחנך א קינד, איז שמאל דוחה, ער טוט אמאל א עוולה, דארף מען אים מוסר זאגען, מען דארף אים אנשרייען, חושך שבטו שונא בנו (משלי יג-כד). אבער עס מוז זיין א קירוב אויך. פון איין זייט דארף מען אים ווייזן א ריחוק, אויף וואס ער האט געטון נישט גוט, אבער פון די אנדערע זייט, דארף מען אים מקרב זיין. א רבי מיט א תלמיד, מען דארף אמאל ווייזן זרוק מרה בתלמידים (כתובות קג:), מען דארף ווייזן א ריחוק, אבער שמאל זאל זיין דוחה, און די ימין דארף זיין מקרבת. מען מוז האבן א ריחוק מיט א קירוב צוזאמען.

**און** די ריחוק און די קירוב איז נישט די זעלבע מאס, די שמאל איז די שוואכע האנט, עס איז די דוחה. און די רעכטע האנט, די ימין, איז מקרבת. דאס איז טייטש אז די קירוב דארף זיין אסאך מער פון וויפיל די ריחוק איז. עס איז דא א ספר **אמרות טהורות**, פונעם **ראחמיסטריווקא רבי זאל זיין געזונט**, ברענגט ער צו אין פרשת עקב, אז אלץ אינגערמאן איז ער געווען אין ישיבה אין סקווירא, און ער האט אמאל געשמוסט מיט זיין שווער דער **סקווירא רבי זצ"ל**, וועגן חינוך פון בחורים. שרייבט ער, אז דער שווער האט מיר געפרעגט, צו איך געב אמאל א פסק פאר א בחור. האב איך געענפערט, יא. האט ער געפרעגט, ווי לאנג עס נעמט. האב איך געענפערט, אמאל א האלבע מינוט, אמאל א מינוט. האט ער מיר געזאגט נאכדעם, אויב דו קענסט נישט טרעפן א האלבע שעה, אדער פאר דעם אדער נאכדעם, וואס דו זאלסט רעדן מיט דעם בחור דברי פיוס, און זאלסט אים געבן חיזוק, איז אפילו די מינוט פסק זאלסט אים

אויך נישט געבן. דאס הייסט אז פון איין זייט דארף מען אמאל געבן א פסק, אבער פון די אנדערע זייט דארף זיין חיזוק און עידוד וואס מען זאל צוגעבן. דאס איז די גמרא, אז שמאל דוחה, דער פסק דארף זיין אין א מינוט, אבער די ימין וואס איז מקרבת, די קירוב דארף זיין אסאך מער פון וויפיל די שמאל וואס איז דוחה. עס מוז זיין קירוב, און עס מוז זיין ריחוק, און דער קירוב איז דער עיקר פון די ריחוק.

**די** גמרא (פסחים פז.) זאגט אויף עילם, שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד. עילם האט זוכה געווען צו לערנען, אבער ער האט נישט זוכה געווען צו לערנען תורה מיט אנדערע. די גמרא דרש'נט עס פון א פסוק אין שיר השירים (ח-ח) אחות קטנה ושדים אין לה, זו עילם. שדים איז טייטש וואס מען גיט פאר א קינד ער זאל זיך קענען ערנערן. ווען א מענטש גיט איבער תורה פאר א צווייטן, דאס איז די בחינה פון שדים. אחות קטנה, עילם איז געווען א שטאט וואס האבן נאר זוכה געווען צו לערנען אליין, זיי האבן נישט געהאט קיין שדים וואס זאלן לערנען תורה מיט אנדערע.

**עס** קען זיין א רמז דעריין. ווי אזוי קען דאס זיין, שזכתה ללמוד ולא זכתה ללמד, אז מען לערנט קען מען דאך לערנען מיט אנדערע אויך. אוודאי האבן זיי געלערנט מיט אנדערע, אבער עס האט נישט משפיע געווען דאס וואס זיי האבן געלערנט אויף א צווייטן. ווייל כדי מען זאל קענען משפיע זיין, דארף דאך זיין שמאל דוחה וימין מקרבת, און זיי האבן נישט געהאט דעם וועג אז זיי זאלן קענען זיין סיי א דוחה און סיי א מקרבת. שדי"ם איז די ראשי תיבות ש'מאל ד'וחה י'מין מ'קרבת. זאגט ער, עילם זכתה ללמוד, עס האט זוכה געווען צו לערנען, ולא זכתה ללמד, אבער זיי האבן נישט זוכה געווען צו לערנען מיט אנדערע, ווייל עס שטייט אין פסוק שדים אין לה, זיי האבן נישט געהאט די מדה פון שדי"ם, שמאל דוחה וימין מקרבת, האבן זיי נישט זוכה געווען צו לערנען מיט אנדערע.

**אדם** הראשון האט געהאט איין מצוה וואס מען האט אים מצווה געווען, און ער האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון, און ער איז נכשל געווארן, וידעו כי ערומים הם (בראשית ג-ז), זאגט רש"י, מצוה אחת היתה להם ונתערטלו מהם, זיי זענען נתערטל געווארן פון די מצוה וואס זיי האבן געהאט. מען קען זיך פארשטעלן די צובראכנקייט וואס אדם הראשון האט געהאט נאכדעם וואס ער איז אדורכגעפאלן מיטן חטא. ער האט מערב געווען די וועלט טוב ורע, ער האט אראפגעברענגט מיתה לעולם, דער אייבערשטער גיט אים נאך א פסק, און ער זאגט אים, איכה, וואו ביסטו. קוק וואס איז געווארן מיט דיר, איך האב דיר באשאפן יציר כפיו של הקב"ה, איך האב דיך באשאפן אזוי גרויס, קוק וואס דו האסט אנגעמאכט אין מיין וועלט. אין א פאר שעה וואס דו געפונסט דיך דא, און שוין געמאכט אזא בלבול אויף דער וועלט, איכה, וואו שטייסטו. און דער אייבערשטער האט אים אנגעהויבן אנצוזידלען, ער האט געגעבן שפעטער א קללה פאר אים, א קללה פאר די נחש, א קללה פאר חוה, און אזוי ווייטער.

**אבער** מען קען נישט בלייבן ביים אנזידלען יענעם אליין. אָן א ימין מקרבת, קען נישט זיין קיין שמאל דוחה. איז געגאנגען דער אייבערשטער, און ויעש להם כתנות עור וילבישם, דער אייבערשטער האט אים שפעטער געזאגט, איך האב דיר טאקע אנגעשריגן, אבער דא האסטו כתנות עור, וילבישם, כביכול דער אייבערשטער אליין איז געגאנגען און ער האט אים מלבוש געווען, ער האט אים ארום גענומען, ער האט געקליידעט מיט די כתנות עור. די תורה האט אונז געוואלט לערנען, אז ווען א מענטש פאלט אדורך, און מען גיט אים טאקע א פסק, און מען טוט אים שטראפן אויף וואס ער האט געטון, אבער מען דארף וויסן אז עס דארף זיין ימין מקרבת, וואס דאס איז געווען די כתנות עור וואס דער אייבערשטער האט מלבוש געווען אדם הראשון.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **אנשיל קרעמער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **מיכה זילבערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא.

*

***<u>יום שני פרשת כי תשא</u>***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **צבי אלימלך כהן** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב ערך **רבינו שליט"א** סעודת פורים קטן ברוב עם בהיכל בית מדרשנו בוומסב"ג. **רבינו שליט"א** נטל ידיו לסעודה, ונשמעו ניגוני שמחה וצהלה על ידי מקהלת מנגנים לכבוד היום. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קודשו (נדפס בגליון 'דברי תורה').

אחר אמירת הדברי תורה עמד **רבינו שליט"א** בריקודי שמחה, אחר כך נשמעו דברי בדחנות מאת הר"ר **שלמה זלמן גראס** הי"ו. בברכת המזון כיבד **רבינו שליט"א** את **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא, ועברו כל הקהל לכוס של ברכה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של החתן **יחיאל חיים מאיר** נ"ו בן הר"ר **אהרן הרשקוביץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אהרן טייטלבוים** הי"ו, שהתקיים באולם עמינעגס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת כי תשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **ישראל מרדכי** נ"ו בן הר"ר **יעקב רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חינקא.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת מחותנו **הרה"ג רבי מנחם שמואל טייטלבוים שליט"א** אב"ד השיב משה, עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק צבי סופר שליט"א**, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

*

***<u>יום רביעי פרשת כי תשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של החתן **פנחס מנחם** נ"ו בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **הערשל פריעד** הי"ו.

כמו כן התקיים מסיבת לחיים לרגל שמחת האירוסין של בן הר"ר **יוסף באדאנסקי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **דוד יחיאל בלייך** הי"ו.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת הר"ר **יהודא זינגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמאי קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תשא</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודה. אחר כך התקיים הברית של בן הרב **נחמן גרינצווייג** שליט"א. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **משה ארי' דייטש** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קראלי.

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **יונתן סופר** הי"ו, שישב שבעה על פטירת בנו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**, והתפלל שם תפלת מנחה.

אחר מנחה נסע **רבינו שליט"א** למאנסי לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **בערל דייטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף צענווירטה** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לבארא פארק והגיע לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי יעקב פנחס געווירץ זצ"ל** רב דבית המדרש ותיקון.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת כי תשא</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **זושא גאלד** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש מאור התפלה.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תשא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהגה"ק בעל נועם אלימלך מליזענסק זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"א אדר). בברכת המזון נתכבד **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי יוסף בידערמאן שליט"א** מלעלוב בברכות המזון.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל מסיבת התנאים של בת ש"ב הרב **יהודא באדאנסקי** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א), עב"ג בן הרב **אלי' כץ** שליט"א, שהתקיים באולם שע"י התלמוד תורה דקהלתנו הק'.